בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

*יום ד' פ' לך לך | ה' חשון | תשע"א | סוטה ל"ו.*

# א ווארט צו די די חושבע ליינער
# לכבוד די 200'טע אימעיל

*לכבוד אונזערע חשובע ליינער אנשי שלמינו כ"א בשמוהט"י.*

שטיינעדיג אצינד ביים אימעיל נומער 200 , איז אונזער מויל פיל מיט לויב און דאנק צו השי"ת, אז מיר האבן דעם כבוד און זכי' מהנה צו זיין אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר בכל מקום שהם, מיט אזא שווערע – אבער ערליכע ארבעט ביז אהער, און אז אלע שוועריקייטן האבן נישט באוויזן אונז אפצושטעלן פון סערווירן דעם חשוב'ן ציבור טעגליך מיט נייעס, מודעות, בילדער א.א.וו.. בעהטן מיר נאר א תפילה אויף ווייטער אז עד הנה עזרינו רחמיך, ואל תטשינו לנצח, און מיר זאלן ווייטער קענען מיטטיילן פאר'ן ציבור מה הנעשה והנשמע בין כותלי חצרות קדשינו איבער דער גארער וועלט ריחוק מקום וקירוב הלב.

מיר ווען נישט פארלייקענען דעם פאקט אז די ארבעט איז נישט קיין קליינע און אויך נישט קיין גרינגע, און אזוי אויך ציהט דאס אריין אין גרויסע הוצאות, אבער דאס אלעס האט נישט באוויזן אפצושטעלן אונזער קאראזש פון אייך ווייטער באדינען מיט וואס ס'איז נאר מעגליך געווען, אבער מיר ווען אויך נישט פארהוילן פון אייך אז אייער ביזנעס אדווערטייזמענט א.ד.ג. העלפט שטארק ארויס די עקסזיטענץ פונעם מערכת און גיט אונז ווייטער די מעגליכקייט אנצוגיין אויפ'ן עתיד בס"ד, ע"כ העלפט אונז אייך סערווירן מיט'ן אדווערטייזן אייער ביזנעס, שמחה א.ד.ג. אין אונזער אימעיל וועלעכער וועט אי"ה געזעהן ווערן דורך הונדערטער אנ"ש פון ניו יארק און איבעראל, און

גלייכצייטיג העלפט איר אונז מהנה זיין אייך, און אזוי אויך אנשי שלומינו בכל מקומות מושבותיהם.

אצינד לייגן מיר אייך פאהר א "פראגע בויגן" וואס איר קענט אויספילן און אזוי ארום אונז העלפן אייך בעסער סערווירן אין אונזער טעגליכע ארבעט בעזהשי"ת.

אין דעם געלעגנהייט קענען מיר נישט מעלים עין זיין פון אונזערע חשובע קאלעגע'ס און מיטהעלפער'ס, הן פון דאהי און הן פון אלע מקומות איבער דער וועלט, וואס העלפן אונז כסדר גאהר שטארק ארויס מיט די הייליגע ארבעט, הן מיט'ן אריינשיקן די חומר, און הן מיט וואס אימער מעגליך, ווילן מיר זיי באדאנקען בשם כל הקהל הקודש וועלעכע זענען נהנה פון אונזער ארבעט, והקב"ה ישלם שכרם.

אין א וויכטיגע בקשה ווענדן מיר זיך צו אלע אונזערע ליינער, אזוי ווי אסאך אנשי שלומינו וועלעכע האבן צוטריט צו אימעיל וייסן נאכניטש פון אונזער מערכת און וואלטן גאהר שטארק הנאה געהאט דערפון, ע"כ האט זיי אויך אינזין און זייט זיי מהנה מיט אונזער הערליכע ארבעט דורך זיי מודיע זיין אונזער אדרעס ווי מ'קען אריינשיקן א בקשה צו באוקמען אונזערע אימעיל'ס.

מיט דאנק און שעצונג

**צוות העובדים במערכת**
**בחצרות סאטמאר**